בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

תולדות ס"ג
מאמר ב' תשפ"ג

יו"ל פר' תולדות תשפ"ד

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


**"גחלי אש"**

**לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש**

**מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א**

**בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש**

**באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש**

**אנגליה - 03303900476**

**"בם חייתני"**

**לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש**

**מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה**

**בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8**

**באר"י - 037680292**

**אנגליה - 03303900476 שלוחה 8**

**© כל הזכויות שמורות**

**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**

**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**

**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**

kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (כה, יט) 'ואלה תול-דות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק', די גמרא זאגט (ב"ק צז:) 'מטבע של אברהם אבינו, זקן וזקינה מצד אחד ובחור ובתולה מצד אחר', טייטשט רש"י 'בחור ובתולה - יצחק ורבקה, זקן וזקינה - אברהם ושרה'. אבער דער **מהרש"א** געבט צו פארשטיין אנדערש, אז סיי 'בחור ובתולה' און סיי 'זקן וז-קינה' גייען ארויף אויף 'אברהם' און 'שרה', עי"ש. און דער **תורת חיים** ערק-לערט דער ענין מער באריכות, און ער פרעגט אויף רש"י'ס פשט, אט בשעת ווען 'יצחק' האט חתונה געהאט מיט 'רבקה' איז דאך 'שרה' שוין געשטאר-בען, און אויב אזוי, וויא אזוי האט מען געקענט שרייבען שרה און רבקה אויף איין מטבע, מען פירט זיך דאך נישט צו שרייבען אויף א מטבע דער נאמען פון א טויטע. נאך איז שווער, פארוואס האט מען געשריבען אויפ'ן מטבע זקן וזקינה, בחור ובתולה [און אזוי וויא תוס' שרייבט דארט, אז מ'מיינט נישט אז עס איז געווען אויסגעקריצט אויפ'ן מטבע זייער בילד, ווייל מען טאר דאך נישט מאכען קיין 'צורת אדם', נאר מ'מיינט אז ס'געווען געשריבען אויפ'ן מטבע די ווערטער], און מ'האט נישט געשריב-ען אברהם און שרה יצחק און רבקה. און נאך איז שווער, דער שטייגער איז אויסצוקריצען אויפ'ן מטבעות א זאך וואס סימבאליזירט דעם כבוד און שיינקייט פון דער גרויסקייט פונעם קעניג, אדער אויף א עפעס א נס וואס האט מיט איהם פאסירט, אויב אזוי וואס איז דער חידוש ביי אברהם אז עס איז געווען געשריבען אויפ'ן מטבע זקן וזקינה בחור ובתולה, און דער תורת חיים ערקלערט דארט אז אלעס גייט ארויף אויף אברהם אבינו עליו השלום, עי"ש.

**און** מ'קען פארטייטשען רש"י על דרך העבודה, דער מטבע פון אברהם אבינו איז נישט קיין גשמיות'דיגע מטבע אזוי וויא אלע אנדערע מטבעות, נאר דאס איז א רוחניות'דיגע כוח, אזוי וויא חז"ל דרשנ'ן (ב"ר לט, יא) 'ואעשך לגוי גדול' (לך יב, ב) - 'שיצא מוניטין שלו בעו-לם, ומהו מוניטין שלו, זקן וזקנה מכאן בחור ובתולה מכאן', און דער **תפארת**

שלמה (פר' לך) טייטשט דער לשון וואס רש"י ברענגט פון חז"ל 'שאודיע טבעך בעולם', ווייל די 'טבע' - די נאטור פון די רשעים איז נאכצוגיין נאך זייערע אויגען און נאך די תאוות פון זייערע הארץ אין די גשמיות'דיגע ענינים, און הנאה צו האבען פון אלע תאוות עולם הזה, אזוי וויא חז"ל זאגען (ב"ר לד, א 'הרשעים ברשות לבם', אבער אברהם אבינו ע"ה האט מטביע געווען א נייע טבע אינעם וועלט, אז ס'זאל קענען זיין 'לבם ברשותם', צו קענען הערש־ען אויפ'ן טבע, און זיך דערהייבען פון איבער'ן טבע, און דאס איז די באדייט פון 'שאודיע טבעך בעולם'. דער כוח האט אברהם אבינו ע"ה איינגעוואר־צלט פאר זיינע קינדער ווייטער אין אלע דורות. און דערפאר שטייט נישט אויפ'ן מטבע 'אברהם ושרה יצחק ור־בקה' נאר 'זקן וזקינה בחור ובתולה', אונז צו לאזען הערען אז יעדער איד פון אברהם אבינו'ס קינדער האט דער כוח פון די מטבע - צו גיין אנטקעג־ען די טבע. און טראצדעם וואס ס'איז נישט די שטייגער צו שרייבען אויפ'ן מטבעות די נאמען פון א טויטע, אבער דא איז עס אנדערש, וויבאלד דעם כוח פון די אבות און די אמהות שטייט ביי פאר זייערע קינדער נאך זיי - לזי־רעם ולזרע זרעם ביז סוף כל הדורות, און ממילא איז דאס יא א חידוש און רבותא פון אברהם.

**און** אט שטייט אין די גמרא (ב"מ מה:) אין מטבע נעשה חליפין, משום דדעתיה אצורתא וצורתא עבידא דב־טלא, און רש"י טייטשט 'דעתו של מקנה את החפץ ונוטל המטבע בחליפין אינו סומך אלא על הצורה שבו, שאין המטבע חשוב אלא על ידי צורה שבו, וצורתא עבידא דבטלה שהמלך פוסלה וגוזר לצור צורה אחרת'. געוויס טאקע איז דער גאנצע וועלט - העולם הזה 'עבידא דבטלא', אויך די סארט זאכען וואס זעהן אויס אין אונזער אויגען אזוי וויא 'בני קיימא', האבען נישט קיין קיום לעולם, אבער ביי א מטבע וואס דער שטייגער פון דער מענטש איז זיך טועה צו זיין און מחשיב זיין דעם צורה פונעם געלט, און מען באצאלט מער געלט אויף אן מטבע וואס האט אויף זיך א צורה, איז אין איהר איז מער אנ־ערקענט די נישט ווערטפלכקייט פון דער זאך, ווייל 'צורתא עבידא דבטלא'

**און** דער טיפקייט פון די ווערטער

פון חז"ל איז, אז דער גאנצע גשמיות פון די וועלט איז 'חומר' - און איהרע 'צורה' איז א פאלשע צורה, און דאס זאגט זיך מער ארויס ביי א מטבע, ווייל מיט א מטבע אליין איז נישט דא קיין שום עקסטרע ציהל פאר זיך, ווייל מיט געלט אליינט קען מען גארנישט מאכען, אזוי וויא דער מהרש"א שרייבט (ב"ב כה: ד"ה לא) אז ס'איז געווען איינער א מענטש וואס ער האט זייער ליעב געהאט געלט, און ער האט געבעטען פונעם אייבערשטען אז אלעס וואס ער וועט אנרירען מיט זיינע הענט זאל ווערען גאלד, און דער אייבערשטער האט איהם ערפילט די בקשה, אבער ווען ס'איז געקומען צו עסען ברויט האט ער דאס אנגערירט מיט זיין האנט און ס'איז געווארען גאלד, און ער האט נישט געהאט וואס צו עסען. און א גשמיות'דיגע מטבע פון זילבער סימבאלזירט דעם פאלטשע רצון פון אלע תאוות און הנאות פונעם עולם הזה וואס מען קען דאס דערגרייכען דורכ'ן מטבע.

**געוויס** אבער אברהם אבינו ע"ה האט געהאט דעם אמת'ע און ריכטיגע 'צורה' פונעם בריאה - און דאס איז געווען די 'מטבע' פון אברהם אבינו עליו השלום, און אזוי וויא עס ווערט ערקלערט אין **שפת אמת** (לקוטים השמטות לפר' לך) אין נאמען פונעם **מהר"ל** (גבורות ה' פ"ד ופ"ח) אז אברהם אבינו איז געווען די 'צורה' פונעם בריאה, און מיט דעם פארטייטשט ער 'להודיע טבעך בעולם', אברהם אבינו מיט אלע אבות הק' האבען איבער געדרייט זייער 'חומר' און געמאכט דערפון 'צורה' (עי' שפ"א בפרשתן תר"נ ד"ה בענין, ועי' שבועות תרל"ו ד"ה כל), און פונדעם האבען די אידישע קינדער א כוח צו אנערקענען און פארשטיין אז ס'דא א העכרע תכלית פון די גאנצע 'חומר' פון די וועלט

**און** דאס איז געווען די חידוש פונעם מטבע פון אאע"ה, ווייל צו דען איז מעגליך צו זאגען אז די גשמיות'דיגע מלחמות פון די קעניגען זענען א חידוש וואס מען דארף זיי פאראייביגען אין מטבעות?! נאר דער אמת'ע חידוש איז די מטבע פון אאע"ה וואס האט מחדש געווען דער וועג פון 'צדיקים לבם ברשותם'.

**און** אט 'מעשר שני' דארף מען מחלל זיין דווקא אויף 'כסף שיש עליו צורה'

(מעשר שני פ"א מ"ב), וואס לכאורה די סברא איז פונקט פארקערט, ווייל 'כסף שיש עליו צורה' האט א פעלער, ווייל עבידא דבטלא, און ס'האט נישט קיין קיום. נאר דער באדייט דערפון איז, אז דער רצון פון די תורה איז אז דער מענטש זאל ארייננטראכטען אז דער גאנצע גשמיות'דיגע וועלט איז א צייטווייליגע זאך - בר חלוף, און דעריבער ווען ער גייט ארויף קיין ירו־שלים מיט די מעשר שני, איז מען דאס מחלל דייקא אויף 'כסף שיש עליו צורה דעבידא דבטלא', ווייל ווען א מענטש גייט ארויף צום בית המקדש, ערוועקט דאס ביי איהם אז ער זאל געדענקען וואס איז די 'עיקר' און וואס איז די 'טפל' אויף די וועלט, און דאס ברענגט איהם צו יראת ה', אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ראה יד, כג) 'למען תלמד לי־ראה את ה' אלקיך', אז בשעת ווען ער ווילט 'בצילא דמהימנותא' דערגרייכט ער אז דער קדושה איז דאס אמת'ע צורה.

**און** דאס איז די מעלה פון בנן של קדו־שים וואס קוקט נישט 'בצורתא דזוזא' אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (פסחים קד.), וואס אויסער די פשוטע פשט אז ס'איז געווען אין די צורת המטבע מעין א ענין פון אביזרייהו דע"ז (עי' תוס' ע"ז נ.), ליגט אין דעם אויך דער געדאנק, אז דער מענטש ווערט נישט איבער גערעדט אריין צוקלערען מיט זיינע שכל'דיגע אויגען נאך די חיצוניות, און ער ווערט נישט נאכגעצויגען נאכ'ן שקר און דער פאלטשע אויסזעהן פון די פוסטע הנאות פון די הבלי עוה"ז, נאר ער אנערקענט וואס איז די אמת'ע צורה און וואס איז די אמת'ע תכלית פון די וועלט. און דאס איז א בנן של 'קדושים' - ד. ה. פון די אבות הק'.

**און** דער וועג וויא אזוי נישט צו ווע־רען נאכגעצויגן נאך די פאלטשע צורה פון די הבלי עולם הזה, איז אויף צו פלאקרען דאס אהבת ה' וואס געפינט זיך אין יעדער אידיש הארץ, ווייל אט האט מען היינט געזאגט אין די הפטרה (מלאכי א, ב-ג) 'אהבתי אתכם אמר ה' ואמרתם במה אהבתנו הלוא אח עשו ליעקב נאום ה' ואוהב את יעקב, ואת עשו שנאתי' וגו', און דער **שפת אמת** טייטשט דאס (תר"מ ד"ה בפסוק, תרל"ז ד"ה ויאהב) אז דער אהבת ה' וואס דער אייבערשטער האט צו די אידישע קינ־דער איז א 'אהבה שאינה תלויה בדבר', און ס'איז נישט דא קיים 'טעם' אין וואס דאס אנצוהענגען, נאר אין דעם

וואס די אידען זענען דבוק אין אייבע־רשטען בשורשם. דער טעם פארוואס א בשר ודם האט ליעב דעם אנדערען איז צוליב א 'טעם' - גשמיות'דיגע סיבות, אבער דעם אהבת השי"ת צו די אידישע קינדער איז בכלל אהן קיין שום חש־בון. און דאס איז מדויק להפליא אין די פסוקים, דער פסוק הייבט אן און פרע־גט **'במה אהבתנו'** - וואס איז דער טעם וואס דער אייבערשטער האט ליעב די אידישע קינדער, און לכאורה איז די ענטפער **'הלוא אח עשו ליעקב נאום ה' ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי'**, און פארוואס צוטיילט זיך די ענטפער צו צוויי פסוקים, און טיילט אפ צווישען דאס וואס ער זאגט 'ואוהב את יעקב', צו 'ואת עשו שנאתי'. נאר הן הן הדברים, דאס וואס דער אייבערשט־ער האט ליעב יעקב מיט זיינע קינ־דער נאך איהם, איז נישט צוליב **'ואת עשו שנאתי'** - צוליב וואס מ'גלייכט צו זייערע צדקות צו די רשעות פון עשיו, נאר די ענטפער אויפ'ן שאלה פון **'במה אהבתנו'** איז **'ואוהב את יעקב'** - א אהבה בעצם, א ליבשאפט וואס איז נישט תלוי בכלל אין זייערע מעשים.

**און** מכח די אהבה וואס דער רבונו של עולם האט אונז ליעב איבער יעדער חשבון און איבער יעדער טעם, האבען אונז א געלעגנהייט אין אונזער הענט צו ערוועקען דעם אהבת ה' וואס מיר פארמאגען אין אונזערע הערצער אהן קיין שום חשבון און אהן קיין שום טעם, ווייל 'כמים הפנים לפנים' איז געזאגט געווארען אויף **אהבת ה'** (עי' רש"י דברים א, כז מספרי), געוויס אבער אז על פי שכל און על פי טעם און על פי דעם געפיהל פון הארץ, ציהט דער עולם הזה און ס'איז אינטערסאנט און עס בליט־שקעט, אבער דער **אהבת ה'** איז איבער אלע טעמים, און דער ארבעט פונעם מענטש איז צו ערוועקען און אנטפ־לעקען דעם נקודת האהבה וואס ליגט באהאלטען אין טיפעניש פון יעדער אידיש הארץ, און זעהן זיך צו שטארק־ען איבער'ן טבע און איבער'ן פאלטשע 'צורה' פונעם עולם הזה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין איהם ליעב צו האבען, און איהם צו דינען בלבב שלם.